STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 213158

ZILBERFLEK A GESHIKHTE FUN A KRO



Ernest Thompson Seton



YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ביאליסטאקער פארלאג „דאס בוך“.

ס'איז ארויס פון דרוק:

1	יעקב פאט.	משה (צווייטע אויפלאגע)
2	„	יריחו „ „
3	„	גדעון „ „
4	„	יפתח „ „
5	„	שמשון „ „
6	סאניע קאנטאר.	אין דער מלוכה פון מוראשקעס און שוואמען.
7	מאקסמאן-סעטאן	ווילבערפלעק, א געשיכטע פון א קרא. איבערזעצט דורך סאניע קאנטאר.
8	„	לאבא, דער קיניג פון קורומפא
9	„	בינגא, א געשיכטע פון א הונט
10	„	קיניגין אנאסטאלאן, א געשיכטע פון א קאץ.
11	„	דער צוריסענער אויערל, א געשיכטע פון א האז.
12	„	וואילי דער שעפסנהונט
13	„	דער גאסן-ווינגער, א געשיכטע פון א וואראביי
14	„	מוסטאנג דער פאסגייער
[illegible]	„	יאכים-בער
[illegible]	„	דער זילבערנער פוקס
[illegible]	[illegible]פלינג.	דער קליינער העלפאנד
[illegible]	„	ווי אזוי דער לעמפערט האט באקומען פלעקן אויף זיין הויט.
[illegible]	[illegible]אלענקא	אן א לשון, איבערזעצט פון פסח קאפלאן
20	[illegible] און פיריי	די אנטדעקונג פון געהייםען פאל, איבערז. פון קאטינקאווסקי.
[illegible]	[illegible]יטש	א מעת לעת אויפן אינזל ציילאן, איבערזעצט פון ז. גראסמאן.

ס'דרוקט זיך:

[illegible]	[illegible]ין	ווי אזוי האט מען געבויט הייזער אמאל און היינט
[illegible]	[illegible]טש	סאהארא
[illegible]	[illegible]שאיעוו	די אונטערערדישע כחות
[illegible]	[illegible]אנדיע	די מארטירער פון דער וויסנשאפט
[illegible]	[illegible]רדין.	פ. לאסאל (ביאגראפיע)
[illegible]	[illegible]לויף	א רייזע אויף געגנו

ס'גרייט זיך צום דרוק:

28	[illegible]	דאמבי און זון
[illegible]		ראבינזאן קרוזא
30	[illegible] סטאו	אנקל טאם קעבי
[illegible]	בעלשע	דער ווילדער מענש

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Białostockie Wydawnictwo „Książka“

Białystok, ul. Sienkiewicza № 19.


Drukarnia Prużańskiego Białystok.

צופעליק האב איך באמערקט דעם קאפ — אַ טרויעריקער זיפין האָט זיך מיר אויסגעריסן פון הארצן.

דאס איז געוועזן זילבערפלעקס קלוגער כ אַפּ. זיין לאַנגער ארבעטסרייבער לעבן, וואס האט געבראכט אזוי פילע נוצן זיין פאָלק, איז געווען אויסגעלעבט.

ער איז דערהרגעט געווארן דורך דערזעלבער סאווע, פון וועלכער ער האט פארהיט אזוי פיל יונגע קראען פון זיין מחנה.

דער אלטער נעסט אויף דעם צוקערהויט איז פאַרלאזן און צופאלן געוואָרן. די קראען קומען ווי געוויינלאך אין קאסטל-פראנק, אבער אן זייער בארימטן אנפירער. זייערע רייען ווערן שיטערער און אין גיכן וועט מען זיי אומזיסט זוכן צווישן די אלטע סאסנעס, וואו זייערע עלטער-זיידעס האבן געלעבט, געליבט און געלערנט יארן-לאַנג.





צײַכנטן ברוינעם פעדער. די זאַך איז פאר מיר קלאר געווארן, דאס איז געווען אַ ש ט ײ ן־ס א װ ע.

אין אַ האלבע שעה בין איך פארבײַגעגאַנגען נעבן דעם ארט, און איך האָב דערזען אויף אַ בוים אין צען טריט פון דעם גוף די גרויזאמע סאווע. זי האט זיך ניט געקענט פאנאנדערשײַדן מיטן ארט פון דער רציחה, די שפורן אין שניי און די פעדער האבן מיך ניט גענארט, איך האב זיך דערנענטערט, זי האט אויסגעקרעכצט:

—„ק ר ה ה—א א ך״—און איז פאמעלאך אװעקגעפלויגן, פאכנדיק מיט אירע שװערע ברײַטע פליגלען. אין צװײ טעג ארום האָב איך באמערקט באלד אינדערפרי, אַ אומגעװײנלאַכע אויפרעגונג צװישן די קראען, איך בין גלײַך ארויסגעגאנגען און האב דערזען אַ פאר שװארצע פעדערן װאס האבן געפלאטערט איבערן שניי. איך בין געגאנגען אַנטקעגן דעם װינט אין דער ריכטונג פון די שװארצע פעדערן און בין געבליבן שטײן פאר בלוטיקע שיריים פון אַ קרא, און װידער אַ שפור פון צװײ נעגל פון רוצח.

דאס איז געװען די זעלבע סאװע. ארום און ארום האט מען געזען סמנים פון אַ בלוטיקן קאמף. דער רוצח איז אבער געװען צו שטארק, ער האט איר אראפגעשלעפט בײַנאכט פון צװײַג, בעת די פינסטערניש, פון דער נאכט האט געמאכט אוממעגלאַך יעדן פרוב צו אנטלויפן.

איך האב איבערגעדרײט דעם גוף אויף דער אַנדערער זײַט.



ער זאָל ארויסשטעקן זיין קאָפּ פון אונטער די פליגל און אָפּזיצן אַ גאנצע נאכט צאַפּלענדיק זיך פון פחד. אין א פראָסט פרירן זיי אָפּ די אויגן, ווערן בלינד און שטארבן, ווייל קיין שפיטאל פאר קראנקע קראָען איז נאָך ניטאָ.

באַלד מיטן ערשטן שיין פון דער זון דערזעט זיך אָבער ווידער זייער סוף. זיי זוכן אַרום דעם גאנצן וואלד ביז זיי געפינען די סאָוע, וואס האט זייער רו געשטערט. דאמאלסט פלעגן זיי איר פייניקן ביז צום טויט אָדער מ׳פלעגט איר פארטרייבן אויף צוואנציק מייל ווייט.

אין 1893 יאר זיינען די קראָען ווי געוויינלאך, געקומען אין קאסטל-פראנק. אין א פאָר טעג ארום, שפאצירנדיק איבערן וואלד, האב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ שפור פון אַ האָז וועלכער איז מיט איספעט געלאָפן איבערן שניי. זיינע פאר-צווייפלטע שפרונגען האבן באוויזן, אז מ׳האט אים נאכגעיאגט.

דאס האט מיך פארוואונדערט, ווייל איך האב ניט באַ-מערקט קיין נאכיאגער. איך בין אוועק נאָך די שפורן פון האָז און האב באלד דערזען א טראפן בלוט אויפן שניי. אין אַ פאר טריט ווייטער האב איך געפונען דעם טויטן גוף פון קליינעם אָרימען העזעלע.

ער איז דער רוצח געווען, דאס איז געבליבן פאר מיר אַ סוד. ביי ... גענויער אויספארשונג האב איך אנטפלעקט אויפן שניי אַ שפור פון צוויי גרויסע נעגל און אַ וואונדערבאר אויסגע-

—„אַ מענש מיט געווער!"—די וואַך־פּאָסטנס חזרן איבער דעם רוף און די גאַנצע ראָטע, פליט פייל פון בויגן צו די בוימער. אונטער זייער שוץ שטעלט זיך די ראָטע ווייטער אוים און גלייך צו די היימישע פּאָסנעס. ניט אַלע קראָען ווערן באַשטימט נאָך דער זייע אויף דער וואַך. די זכיה האָבן נאָר אױסערלעכע וואָס האָבן זיך ניט איינמאָל אויסגעצייכנט מיט זייער אויספאַרשטער ווײַטסמקײט. זיי בלײַבן שוין שטענדיק אויף דעם זעלבן פּאָסטן און מוזן זיך אויך גלייכצייטיק שפּײַז זוכן. דאָס איז פאַרשטייט זיך ניט אַזוי לײַכט, אָבער רעזולטאַטן גיט עס גוטע. די קראָען־אָרגאַניזאַציע איז ווי באַקאַנט, די בעסטע צווישן אַלע פויגלען.

לסוף, אין גאַנצן אַוועק, פליט די גאַנצע מחנה אויף דרום און דאָרט באַקענט זי זיך מיט נײַע לעבנסאײַנריכטונגען, אומבאַקאַנטע געגנטן און באַזונדערע מינים שפּײַז, שטענדיק אונטער דער אָנפירונג פון אַלטן קלוגן זילבערפלעק.

III.

פאַראַן נאָר איין צײַט, ווען אַ קראָ איז נאַריש—דאָס איז די נאַכט. און פאַראַן נאָר איין פויגל געפערלאַך פאַר אַ קראָ—דאָס איז די סאָווע. טרעפן זיי זיך צונויף בײַדע, די נאַכט און די סאָווע, איז אַך און וויי צו די שוואַרצע פויגלען. ס'איז גענוג פאַר אַ קראָ צו הערן אַ ווײַטן אָפּקלאַנג פון אַ סאָווע־געשרײַ,



זילבערפלעק, דער שטרייַנגער לערער, ווערט פרייַלאך און זייַנע תלמידים, וואָס האָבן אים שוין לאנג געשעצט, הויבן אָן אים הארציק צו ליבן.

פאר דער גאַנצער צייַט האָט ער זיי געהאלטן אין שטרייַנגער דיסציפּלין, ער האָט זיי אויסגעלערנט אַלע סיגנאַלן און באפעלן און ס'איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף זייערע איבונגען יעדן טאָג.

— „ערשטע ראָטע!“—רופט דער אַלטער גענעראַל, און די ערשטע ראָטע ענטפערט אָפּ מיט הויכע געשרייען.

— „פליט!“ —און מיטן פירער אין דער שפּיץ פליען אַלע אָפּ אין אַ גלייַכער ליניע.

— „אַרויף!“—און אַלע הויבן זיך אויף אין אויגנבליק.

— „צוזאַמען!“—אַלע שאַפן אַ שווארצע אייַנגע מאסע.

— „שוועבט!“—און זיי צושיטן זיך ווי דארע בלעטער פון ווינט.

— „אויסשטעלן זיך!“—אַלע ציען זיך אויס אין דער ליניע פון געווייַנלאַכן פליאָרדנונג.

— „אַראָפּ!“—אַלע לאָזן זיך אַראָפּ כמעט ביז דער ערד.

— „עסן!“—און אַלע צעשיטן זיך איבער דער ערד זוכנדיק שפּייַז, נאָר צוויי קראָען בלייַבן אויף דער וואך—איינער אויף אַ בוים רעכטס, דער צווייטער אויף אַ בוים לינקס.

אין אַ ווייַלע אַרום גיט זילבערפלעק אַ סיגנאַל.

ציילן ביז דרייסיק, זיי קענען גוט דעם ריח פון פּלוּוער און זיי זיינען בטוח, אז זיי ווייסן שוין אלע חכמות פון דער וועלט.

אַראָפּלאָזנדיק זיך, קענען זיי שוין דריי מאָל צונויפליגן זייערע פליגל כדי זיך איבערצייגן אז זיי טוען עס ווי געהעריק. אויך ווייסן זיי אויף וואסער אופן צו רייצן אַ פוקס ביז ער טרעט זיי אָפּ אַן העלפט פון זיין רויב. זיי איז אויך באַקאַנט, אז ביי אַן אָנפאל פון קיניג—אָדער אַנדערע זינג-פויגלען איז דער בעסטער מיטל זיך אָפּהאַלטן אין וואלד, ווייל ס'איז פשוט אוממעגלאך צו קעמפן מיטן קליינעם נישטיקן פאָלק, אין די אַלע זאַכן זיינען שוין די יונגע קראָען גוט באַהבנט. זיי האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט, ווי מ'לייגט אייער, ווייל ס'איז נאָך ניט די געהעריקע צייט פון יאָר, זיי ווייסן נאָך ניט דעם טעם פון מושלם, קיין פערדישע אויגן האָבן זיי נאָך אויך ניט געפּיקט, ווייצן —נאָך ניט געזען און די מארשן, די הויפּט דערציערס פון אַ קראָ, האָבן זיי נאָך ניט דורכגעמאַכט.

פאַר צוויי חדשים האָבן זיי אפילו ניט געוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַן אנדער געגנט, חוץ זייער היים. איצט אָבער ווייסן זיי שוין און קלערן אָפט פון וואנדערן. זיי ווארטן אָבער געדולדיק ביז זייערע פירערס וועלן זיין גרייט אין וועג אריין.

דער סעפּטעמבער ברייננט גרויסע שנויים פאַר די אלע קראָען. די צייט פון אויסקריכן איז פאַרביי, איצט שטאָלצירן זיי ווידער מיט דער פּראַכט און גלאַנץ פון זייערע פעדערן. זיי זיינען ווידער געזונט און גוט געשטימט.

—



יעדן מארגן פלעגט פארקומען דער למוד אין אלע דריי ראטעס, וואס זיינען צוטיילט געווען לויט דער עלטער און קראפט פון די קראען. דעם רעשט פון טאג האבן זיך די יונגע קראען געטומלט ארום זייערע עלטערן, זוכנדיק שפייז.

וועו עס קומט אן דער סעפטעמבער, זעט מען שוין א גרויסן שנוי אין דער קראען-מחנה. די נארישע יונגע קראען ווערן לייטישער און קליגער. די צארט-בלויע פארב פון זייערע אויגן (איינגעשאפט פון א יונגן קרא) ווערט פארביטן אויף א טונקל-גרויער אויג פון אן אלטן קלוגן קרא. איצט זיינען זיי שוין גוט דיסציפלינירט און קענען זייערע פליכטן. זיי ווייסן שוין, וואס אזוינס איז געווער און זיינען אדורכגעגאנגען א ספעציעלן קורס פון זאאלאגיע און באטאניק. זיי ווייסן גוט אז די אלטע פויערטע איז ניט אזוי געפערלאך, ווי איר פופצן-יאריקער זון, הגם זי איז א סך גרעסער פאר אים. זיי אונטערשיידן לייכט-אן איינגל פון א מיידל. זיי ווייסן אויך, אז א רעגן-שירם איז ניט קיין געווער. זיי קענען ציילן ביז זעקס, הגם זילבערפלעק אליין קען אפילו אפ-

באקומען זיי זייער ערשטע דערציהונג און דערגייען אלע סודות און געזעצן פון קראען-לעבן, דאס איז פאר זיי זייער וויכטיק, ווייל די קלענסטע מפלה אין קראען-לעבן באטייט—טויט.

די ערשטע צוויי וואכן באקענען זיך די יונגווארג צווישן זיך, ווייל יעדער קרא מוז אליין קענען אלע מיטגלידער פון זיין מחנה. די עלטערן רוען דערווייל אפ פון דער מי, וואס האט זיי פארשאפט די אויסזיצונג אין האדאוואניע פון יונגן דור. איצט קענען שוין די יונגווארג זיך אליין שפייז געפינען, זיי קענען אויך זיצן אויף א צווייגל גלייך ווי די דערוואקסענע.

אין א וואך אדער צוויי ארום קומט די צייט פון „אויס-קריכן". די אלטע קראען זיינען די גאנצע צייט נערוועז און אויפגערעגט. דאס שטערט זיי אבער ניט צו לערנען די יונגע, וואס זיינען, פארשטייט זיך, ניט אזוי שטארק ציפרידן, צו הערן תורה און מוסר פון די עלטערן, וואס פלעגן זיי ביז איצט שטארק צולאזן אין פיעשטשען. אלין איז אבער צו זייער טובה, ווי עס פלעגט זיך אויסדריקן אן אלטע דאמע אראפשינדנדיק די הויט פון שלאנג-פיש. דער אלטער זילבערפלעק איז געווען א טו-סטערהאפטער לערער. פון צייט צו צייט פלעגט ער דרשענען פאר זיי. וואס ער האט זיי אנגעזאגט, ווייס איך ניט, צום באדויערן, עס ווייזט אויס, אז זיינע שארפזיניקע דרשות פלעגן שטארק נושא חן זיין.



ביז דער פייראַם האָט אַרויסגעשטופּט די שטיקל ברויט פון צווישן זייַט רער. דאַמאָלסט האָט ער געכאַפּט זיַין שטיקל ברויט און איז שטאָלץ אַוועקגעפלויגן ווייַטער.

זילבערפלעק איז געווען אַ קראָ אַ מזלח. דער געגנט וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען רייַך מיט שפּייַז, הגם אויך מיט סכנות.

יעדן יאָר פלעגט ער אין אַלטן געפּט אויסזיצן קלייַנע עופות צוזאַמען מיט זיַין ווייַב, וועלכע איך האָב ליידער, נים געקענט אונטערשיידן פון אַנדערע קראָען. ווען די קראָען פלעגן זיך ווידער פאַרזאַמלען, פלעגט ער ווערן אויסגעקליבן אויפסני, אייַנשטימיק, פאַר זייער פירער און הערשער.

געוויינלאַך קומט פאָר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון קראָען סוף יוני. די אַלטע קראָען באַווייַזן דאַמאָלסט מיט שטאָלץ דער פאַרזאַמלונג זייערע קינדער מיט די קורצע וויידעלאַך, ווייַכע פליגלען און דיסקאַנט-שטימען. אין זייער אַלטער פּעסטונג, אין וואַלד פון קאַסטל-פראַנק, ווערן זיי אַרייַנגעפירט אין דער געזעלשאַפט. דאָ געפינען זיי אַ פרייַלאַכן און זיכערןווינקל, דאָ

אים נאָכיאָגן די קיניג־פויגעלאך. זיי האָבן אים אפילו ניט געקענט טאָן קיין שלעכטס, דערפאַר אָבער פלעגן זיי ארום אים אַזוי אומפארשעמט טומלען און ליארעמען, אז ער פלעגט זיי ווי ווייט מעגלאך אויסמיידן, פונקט ווי א דערוואַקסענער מענש באַמיט זיך אויסצומיידן דעם ליארעם און טומל פון גאַסן־אינגלאך. אַליין האָט זילבערפלעק אויך געהאט א פּאָר ווילדע רויבערשע נייגונגען. יעדן פרימאָרגן כסדר פלעגט ער באַזוכן די שכנותדיקע נעסטן פון די קלענערע פויגעלאך און אויפפרעסן די פרישע אייער און צאַפלדיקע עופהלאך פאר די אויגן פון זייערע מאַמעס. לאָמיר אים אָבער דערפאר ניט באַשולדיקן, מיר זיינען אויך ניט בעסער.

ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַוואונדערן זיין שכל און ביטריקייט. אַזוי האָב איך אַמאָל דערזען, אַז ער פליט אין דער לייַנג פון מאָל מיט א שטיק ברויט אין שנאָבל.


גראָד דאמאָלסט האָט מען דורכגעלייגט א וואסער־רער איבערן שטראָם. איין טייל פון רער, צוויי־הונדערט יאַרד די לייַנג, איז שוין געווען פארענדיקט, און ווען זילבערפלעק איז געפלויגן מיט זיין שטיקל ברויט אין שנאָבל איבערן אפענעם וואַסער, איז די שטיקל ברויט אַראָפגעפאלן, און דער שטראָם האָט עס מיטגעריסן און פאַרטריבן אין רער אריין. זילבערפלעק האָט זיך אַראָפגעלאָזן, לאַנג אַרייַנגעקוקט אין דער טיפעניש פון רער, פלוצלונג, באַשטראַלט פון אַ גליקלאַכן איינפאַל, איז ער אַוועקגעפלויגן צום צווייטן עק פון רער און האָט זיך רואיק דערוואַרט,



נומען צו דער ארבעט: ער האט אויסגעגראבן פון דער ערד א הייפל מיט מושלעס און אנדערע ווייסע, גלאנציקע זאכן. ער האט זיי אויסגעלייגט אויף דער זון, געדרייט אויף אלע זייטן, ווידער אויפגעהויבן אין שנאבל איין זאך נאך דער אנדערער און ווידער אראפגעלאזט אויף דער ערד. ער איז צוגעפאלן צו זיי פונקט ווי א פויגל צו אירע אייער און האט געקוקט אויף זיי מיט דאר־שטיקע אויגן פונקט ווי א קמצן אויף זיין אוצר. דאס איז געווען זיין שוואכקייט. ער האט זיך אליין ניט אפגעגעבן קיין קלארן חשבון, פארוואס ער טוט אזוי. זיין הנאה איז געווען ניט גע־קינצלט. אן האלבע שעה נאכאנאנד האט ער זיך געשפילט מיט זיין אוצר. דערנאך האט ער צוגעדעקט זיינע חפצים צוזא־מען מיט דער נייער מושל־שאל מיט זאמד און בלעטער און איז אפגעפלויגן.

גלייך בין איך צוגעגאנגען צו יענעם ארט, האב אויסגע־גראבן און באקוקט זיין אוצר. דא האב איך געפונען אן הייפל ווייסע שטיינדעלאך, מושלס, בלעכענע שארבנס, שטיקלאך צינק און אפילו א פארצעלייענעם טעפעלע, וואס איז געווים געווען דאס בעסטע פון זיין גאנצע קאלעקציע. דאס האב איך געזען צום ערשטן און צים לעצטן מאל; זילבערפלעק האט דערשפירט, אז מ'איז דערגאנגען זיין סוד און האט עס גלייך באהאלטן, וואו — ווייס איך ניט עד היום.

פאר דער צייט, וואס איך האב אים נאכגעקוקט, האט ער איבערגעלעבט זייער א סך געשעהעניש. אמאל איז ער שיר ניט אריינגעפאלן אין די נעגל פון א רויב־פויגל. ניט איינמאל פלעגן



דער אלטער נעסט איז געווען זייער רעוידעניו. דא האבן זיי זיך רואיק געוואוינט א לאנגע צייט, הגם טאג־טעגלאך פלעגן נעבן זייער נעסט פארבייגיין יעגערס און אינגלאך מיט געווער ־יך דער אנטפלעקונג האב איך שוין ״ גוויסן מאל זיין רו ניט געשטערט, איך האב אבער ניט אויפגעהערט צו באאבאכטן זיי דורך א דערנענטערונגס־גלאז.

אמאל, באקוקנדיק הורך מיין גלאז דעם געגנט, האב איך דערזען א קרא, װאס איז געפלויגן איבערן טאל מיט עפעס ווייסעס אין שנאבל. ער איז געפלויגן אין דער ריכטונג פין ראוטעדאלס טייך און האט זיך אראפגעלאזן ביים הויכן ביבער הולם. דא האט ער אראפגעלאזן די ווייסע זאך, וואס ער האט אין זיין שנאבל געטראגן, און האט זיך שנעל און פארזיכטיק ארומגעקוקט. איך האב גלייך דערקענט מיין אלטן באקאנטן זילבערפלעק. אין א ווײַלע ארום האט ער אויפגעהויבן דעם ווייסן געגנשטאנד — א מושל־שאל — און איז אפגעפלויגן לאנגזאם צום ברעג פון טייכל, וואס איז געווען באוואקסן מיט שטשאוו און אנדערע קרייטאכצער. דארט האט ער זיך גע־

II.


דער בערגל צוקערהוט שטייט אליין אין דאנטאל, באדעקט מיט וועלדער, וואס גרעניצן זיך מיט די וועלדער פון קאסטל-פראנק. דארט צווישן צוויי בערגלאך שטייט א סאסנע, אויף איר שפיץ הייננט א פארלאזענער און אלטער קארשון-נעסט. יעדער שול-אינגל פון טאראנטא קען דעם נעסט; קיינער האט נאך אין נעסט ניט באמערקט קיין סימן פון לעבן.

אזוי הייננט דער נעסט יאר איין, יאר אויס, אלט און אויסגעקרימט און חארט, דוכט זיך, אויף א שטארקן שטורעם, וואס זאל אים אפרייסן פון דער הויך און צושמעטערן אויף שטיקער.

אמאל אין מאי בין איך באגינען שטילערהייט אוועק אין וועלדל. די אראפגעפאלענע בלעטער זיינען אזוי פייכט געוועזן, אז זיי האבן פארשטיקט דעם אפקלאנג פון מיינע טריט. צופעליג בין איך פארבייגעגאנגען נעבן אלטן נעסט און צו מיין גרויס פארוואונדערונג האב איך דערזען אראפהייגענדיק פון אים א שווארצן וויידל. איך האב א קלאפ געטאן מיט אימפעט איבערן שטאנג — פון נעסט איז ארויסגעפלויגן א קרא. דער סוד איז אנטפלעקט געווארן. איך האב שוין לאנג חושד געוועזן, אז יעדן יאר באזעצט זיך ערגיץ אויף א סאסנע א קראען פארפאלק. איצט בין איך געוואר געווארן, אז דאס איז זילבערפלעק מיט זיין פלוניתטע.

ווייטע דונערן, אָדער אַ קראָ פלעגט איינבויגן זיין קאָפּ, אָנבלאָזן די פֿעדערן אַזוי, אַז ער פלעגט ווערן געראָטן אין אַ נאָדלפעל, און דערנענטערנדיק זיך צום צווייטן, ארויסגאָרגלען א לאנגן טאָן, וואָס האָט געקלונגען:

№ 10.



או-א-ר-ר-ר-ק-


אין גיכן בין איך געוואָר געוואָרן, וואָס דאָס אַלץ האָט באַטייט. די קראָען האָבן זיך דערקלערט אין ליבע און אָנגעהויבן זיך צו פּאָרן, די זכרים האָבן זיך אויסגעחנט פאר זייערע אויסדערווײלטע מיטן כח פון זייערע פליגלען, מיט זייער געשיקטקייט און מיט דער שיינקייט און צארטקייט פון זייערע שטימעס. זייערע טאלאַנטן זיינען געווארן, ווי עס ווייזט אויס, ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. אין מיטן אפּריל האָבן זיי זיך אַלע פאַנאנדערגעפלויגן אין זייער חתונה-רייזע איבערן גאַנצן געגנט. די אַלטע, פינסטערע סאָסנעס פון קאסטל-פּראַנק זיינען איבערגעבליבן פאריתומט און שטום.

№ 8.



אין דערוועלבער צייט באַדייט № 9 שוין א באפעל צו די וועל־נערס: „אַבטונג!״

№ 9.



*

אָנהויב אַפּריל האָט זיך אין דער מחנה אָנגעהויבן אַ פּיבערהאַפטע טעטיקייט. ווי עס ווייזט אויס איז די סיבה פון דער אויפרעגונג געווען זייער אַן ערנסטע. אַן האלבן טאָג פלעגן די קראען פארברענגען צווישן די סאָסנעס. אַנשטאָט אַרויסצופליען, ווי ביז איצט, גאַנץ באַגינען אויף מסחר צו צוויי און צו דריי, זיינען זיי אַרומגעפלויגן איבערן וועלדל, נאָכיאָגנדיק איינער דעם צווייטן, און אויספירנדיק פארשיידענע געשיקטע קונצן... זייער באַליבטסטער ספּאָרט איז געווען: פון דער בלויער הויך אראָפּפאלן פלוצלונג, ווי אַ בליץ אויף וואָסער ס׳איז קראָ, וועלכע איז רואיק געזעסן אויף אַ צווייג, און ארויפשוועבן גלייך צוריק, ניט באַריִרנדיק די קראָ, דערביי האָבן זייערע פליגלען גערוישט ווי

№ 6.



„אַ גרויסע סכנה—אַ בוקס! א בוקס! פליט אייך פאנאַנ־ דער, אויב ס'איז אייך ליב דער לעבן!"

די פויגלען האָבן זיך צושאָטן אין דער הויך און אין דער ברייט און האָבן אַזוי ארום אויסגעמיטן די סכנה.

ביסלאכווייז האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פארשטיין אלע איבעריקע באַפעלן פון דעם אַלטן אָנפירער. איך האָב זיך אי־ בערציינגט, אז אַמאָל קען א קליינער שנוי אין קלאנג באטייטן אַ גרויסן חילוק אין געדאנק.

אזוי, למשל, באַטייט דער באפעל № 5—אַ רויבפויגל און № 7 הייסט—„פליט אָפּ אָן א זייט!"

№ 7.



ווי ס'ווייזט אוים, איז דער № 7 אַ פארבינדונג פון דעם № 5, וואָס באַטייט „סכנה" מיטן № 4, וואָס באַפעלט אפצו־ טרעטן, דער № 8 באַטייט א פּשוטן „שלום-עליכם!"

זײַן געהילף האָט איבערגעגעבן דעם באַפעל.

די קראָען האָבן זיך שנעל אױפגעהױבן, אײן קראָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פון דער צװײטער, ביז זײ זײַנען אַלע צו־געקומען צו אַזאַ היך, װאָס איז שױן געװען ניט דערגרײכבאַר פאַר אַ שאָס.

דאמאלסט זײַנען זײ רואיק פארבײַגעפלױגן דעם געפערלאַכן אָרט, און לאָזנדיק מיך װײַט הינטער זיך, האָבן זײ זיך אַראָפּגע־לאָזט נידעריקער אונטערן שוץ פון זײער באַרגטאָל.

אַן אנדער מאָל, װען די קראָען זײַנען װי געװײנלאַך, גע־פלױגן מיט אַ ציטערדיקער גלײַכער ליניע איבערן טאָל, האָט זיך א רױטעקיקער קאָרשון אַראָפּגעלאָזן אױף א בױם פונקט אױף זײער װעג.

דער אָנפירער האָט אױסגעקראַקעט:

№ 5.



„אַ קאָרשון!“

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אלע קראָען האָבן געטאָן דאָסזעלבע — און האָבן ארומגערינגלט אין אַ גע־דיכטער מחנה זײער אָנפירער. אַזױ זײַנען זײ פארבײַגעפלױגן נעבן קאָרשון אָן שום שרעק. אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן זײ דערזען א מענטשן מיט אַ ביקס און דערהערט דעם סיגנאַל:

ניט באַוואָפנט, איז ער פאַרבייַגעפלויגן איבער מייַן קאָפּ. אַלע אונטערטאַנער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן און אָנגענומען די פריער־דיקע ריכטונג, ווען זיי זייַנען אריבערגעפלויגן די בריק, וואו איך בין געשטאנען.

אויף מאָרגן האָב איך שוין געוואַרט אויפן זעלבן אָרט, און ווען די קראָען האבן זיך דערנענטערט, האָב איך אויפגעהויבן מייַן שפּאַצירשטעקן, פּונקט, ווי איך וואלט זיך אין זיי געצילט.

דער קלוגער אַלטיטשקער האָט גלייַך באַמערקט מייַן באַוועגונג און האָט גלייַך אויסגעקראַקעט:

№ 3.



קארר...


„געפאַר!“

ער האט זיך אונטערגעהויבן אויף פּופּציק פּוס העכער ווי נעכטן,

ווען ער האט אבער דערזען, אַז דאס איז ניט קיין געווער, איז ער דרייסט פאַרבייַגעפלויגן לעבן מיר.

אויפן דריטן טאָג האָב איך שוין גענומען א ביקס, דאַמאָלסט האָט ער אויסגעשריען:

№ 4.




קארר... קאר-קאר-קאר...

„א גרויסע געפאר — א ביקס!“

געפלויגן אהיים. די מחנה איז געפלויגן אין א גלייכער שורה. נאָך פון דערווייטנס האָב איך שוין דערהערט דעם רואיקן און צופרידענעם אויסרוף. אַלץ איז אין אָרדנונג, „פאָראויס!“, ווי מיר וואָלטן זיך אויסגעדריקט אויף אונזער לשון. ער האָט עס אָבער אויסגעדריקט אַזוי:


№ 1.



קאָרר... קאָרר...

זיין לייטענאַנט האָט הויך איבערגעחזרט זיין באַפעל. די פויגל זיינען געפלויגן זייער נידעריק, כדי ניט אַנטקעגן צו קומען דעם שטראָם פון ווינט. זיי האָבן געמוזט אויפהויבן זיך ביים בריקל, אויף וועלכן איך בין געשטאַנען. זילבערפלעק האָט מיך גלייך דערזען. ער האָט מיך אַ רגע שאַרף אָנגעקוקט, און איז אָפּגעפלויגן אין א זייט, ווייל איך בין, לויט זיין מיינונג, ניט אַזוי זיכער געווען. ער האָט אויסגעשריען צו זיין מחנה:

№ 2.



„זייט פאָרזיכטיק!“

גלייך האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, נאָכגע־פאָלגט פון זיין גאַנצער מחנה. דערזעענדיק אָבער, אַז איך בין



פירט אזוי ארום זיין קראען־מחנה שוין־מער ווי צוואנציק יאר.

הגם די גאנצע בערגלאך זיינען שוין לאנג געווען פארבויט מיט הייזער און דורכגעשניטן מיט בריקלאך, פליעגט זיך וויל־בערפלעק האלטן שטענדיק ביי דעמזעלבן וועג. דאס מאקי האט מיר געגעבן די מעגלאבקייט, צו באקענען זיך מיט אים נעענטער,

צוויי מאל א טאג, אין מארט און אפריל און דערנאך ווי־דער ביז שפעט אין זומער און הארבסט פליעגט ער הין־און צו־ריק פארבייפליען נעבן מיינע פענסטער. איך האב געזעהן אלע זיינע באוועגונגען, געהערט אלע זיינע באפעלן — און מיינע אויגן און אויערן האבן זיך ביסלאכוויין געעפנט. איך האב פארשטאנען, אז הגם די קראען זיינען קליין, האבן זיי אבער א סך שכל. דאס איז א פויגלשטאם, וואס באזיצט אן אייגענע שפראך און א גע־זעלשאפטלאכע ארדנונג, אזוי ווי ביי מענשן און אפשר נאך מער,

אין א ווינטיקן טאג בין איך אמאל געשטאנען אויף אן הויכן בריק, ווילבערפלעק איז אין דער שפיץ פון זיין אפטיילונג

פער אויפן דרום. אין יעדער יאר, אין דער לעצטער וואך פון פעברואר, פלעגט דער אלטער זילבערפלעק טושטשירן זיין מחנה און דרייסט איבערפליען די פערציק מייל אפענע וואסער צווישן טאראנטאוו און ניאגארא. פליען, פלעגט ער, ניט מיט א גלייכע ליניע, נאר מאכנדיק א קרייז צו מערב-זייט. אזוי ארום האט ער די גאנצע צייט געהאט פאר די אויגן דעם הויך בארג צענדאם וואס איז געווען זיין וועגווייזער צו דעם וואלדבערגל. יעדן יאר פלעגט ער קומען אהין מיט זיין מחנה און דארט שוין פארברענגען זעקס וואכן. אלע טאג באלד אינדערפרי פלעגן זיי זיך צוטיילן אין דריי פארטיעס און ארויספליען אויפן געיעג: איין פארטיע אויף מזרח-זייט צו דער עשבריזשער בוכטע; די צווייטע—אויף צפון פון דעם טייך דאן; די דריטע — די גרעסטע און שטארקסטע—אויפן מערב-זייט טאל. זילבערפלעק האט אליין אנגעפירט מיט דער לעצטער פארטיע, ווער עס האט אנגעפירט מיט דער ערשטער און מיט דער צווייטער איז מיר עד היום ניט באוואוסט.

אין א ווינטשטילן מארגן פלעגן די קראען שטענדיק פליען הויך פאר זיך אין א גלייכער ריכטונג; פארקערט, ביי א ווינטזייער נידעריק, ביי דער ערד, אונטערן שוין פון בארגטאל. איך האב געקענט זען פון מיין פענסטער דעם גאנצן בארגטאל. אויף אזא אופן האב איך אין 1885 יאר צום ערשטן מאל באמערקט די אלטע קרא. איך בין אליין נאר וואס געקומען אין קאסטלפראנק, און האב דעם געגנט ניט געקענט. אן אלטער איינוואוינער האט מיר אבער איבערגעגעבן, אז דער אלטער קראענדעספאט

רעכטער זייט, נאר אַדאַנק דעם פלעק האָב איך אים געקענט אויסטיילן לייכט פון פאַרשיידענע אַנדערע קראען און באַקענען זיך נאָנט מיט זיין גאַנצן לעבן.

די קראען זיינען בכלל זייער קלוגע פויגלען. ניט אומזיסט זאָגט אַן אַלטער שפּריכוואָרט:

„קלוג ווי אַן אַלטע קראָ“.

די קראען פאַרשטייען דעם ווערט פון אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע'אין זיינען דיסציפלינירט ניט ערגער פון אמתע זעלנער, און אפילו בעסער פון זיי. זיי זיינען שטענדיק אויף דער וואַך, שטענדיק אין פולן קאַמפּס-אָרדנונג און קענען זיך שטענדיק, בשעת אַ סכנה, פאַרלאָזן איינער אויפן צווייטן. זייערע אָנפירערס זיינען געוויינלאַך ניט נאָר די עלטסטע און קלוגסטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך די שטאַרקסטע און מוטיקסטע, ווייל זיי מוזן זיין גרייט צו יעדער רגע, דערשטיקן מיט כח דעם קלענסטן ווידערשטאַנד.

דער אַלטיטשקער זילבערפלעק איז געווען אַן אָנפירער פון אַ גרויסער קראען-מחנה, זייער הויפּט קוואַרטיר איז געווען נאָנט פון טאָראָנטאָ, אין קאַנאַדע לעבן קאַסטל-פראַנק אויף אַ בערגל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט סאָסנעס, אין דער צפון זייט פון דער שטאָט. די מחנה איז באַשטאַנען פון אַן ערך צוויי הונדערט פויגל. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מחנה האָט זיך ניט געמערט.

אין אַ מילדן ווינטער פלעגן זיי זיך האַלטן אין דער לייִנג פון טייך ניגאַראַ, אין אַ שטרענגן—פלעגן זיי אָפּפליען טי-

דער צווייטער, א פוקס אדער א קרא איז אזוי געראטן אין איר ברו-
דער, אז ס'איז שווער צו דערגיין, צי מ'טרעפט באמת די זעלבע
חיה אויפס ניי.

פון צייט צו צייט טרעפן זיך אבער חיות, וואס זיינען גרע-
סער, שטארקער און פייאיקער פון זייערע ברידער. מ'וואלט זיי
געקענט אנרופן גאונים און ווען אזא חיה צייכנט זיך נאך אויס
מיט איר געשטאלט אדער מיט א באזונדערן סימן, קען מען איר
גרינג אונטערשיידן צווישן אנדערע. אזא חיה ווערט מסתמא בא-
רימט און באוואוסט אין גאנץ לאנד. דאס באווייזט נאר, אז דער
לעבן פון א [illegible] חיה איז אפט מאל פיל אינטערעסאנטער
און פארביקער ווי א לעבן פון א סך מענטשלאכע נפשות.


צו דער קאטעגאריע חיות האט אויך געהערט קורטאן,
דער וואלף מיטן קורצן וויידל, (אין אנהויב פון 14-טן יארהונ-
דערט האט ער געהאלטן אין דער מורא גאנצע צען יאר די
שטאט פאריז), דעם לאמער בער גריזלי, וועלכן מ'דערמאנט
מיט שרעק עד היום, אין טאל פון הייליקן יאאכים אין קאלי-
פארניע, לאבא, דער קיניג פון קורומפא, וואס פלעגט אין משך
פון 5 יאר, טויטן צו איין קו, טעגלאך, דער „ציונס-לעמפערט",
וואס האט אומגעבראכט ביי דריי הונדערט מענטשן אין קנאפע צוויי
יאר — און אזא העלד איז אויך געווען דער אלטער זילבער-
פלעק. זיין געשיכטע וויל איך אייך איצט קורץ איבערגעבן.

*

זילבערפלעק איז געווען אן אלטע קלוגע קרא. זיין צונא-
מען האט ער באקומען צוליב דעם זילבער-ווייסן פלעק, גרויס ווי
א גראשן, וואס איז געווען צווישן זיין אויג און זיין שנאבל פון דער

זילבערפלעק,

(א געשיכטע פון א קראַ.)



ווער פון אונז האָט געהאַט די מעגליכקייט צו באַקענען זיך מיטן אינטימען לעבן און געוואוינהייטן פון א ווילדע חיה? ניט אזא חיה, וועלכע מ'טרעפט איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין א ווייטן שפּאַציר, אָדער וועלכע מ'האלט אין שטייג אין א שטוב. כדי צו קענען די גאַנצע געשיכטע פון לעבן, געוואוינהייטן און מדות פון א חיה, מוז מען זי א לאַנגע צייט קענען, ווען זי איז נאָך אויף דער פרייהייט.

געוויינלאַך איז זייער שווער צו אונטערשיידן איין חיה פון

13/3321

ערנעסט—סעטאן טאמפסאן.

זילבערפלעק

(א געשיכטע פון א קרא)

איבערז. דורך **סאניע קאנטאר.**



פארלאג

„דאס בוך"

ביאליסטאק.

1920

№ 7.


ערנעסט טאמפסאן סעטאן.

דאס לעבן פון די חיות

I.

— זילבערפלעק —

(א געשיכטע פון א קרא)



איבערזעצט דורך ב. האנטער

ארויסגעגעבן לויט דעם אויפטראג פון דער צענטראלער שול-ארגאניזאציע פון פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אונטער דער רעדאקציע פון פסח קאפלאן.



ביאליסטאק 1920.

דרוק מ. פרושעגסקי, ביאליסטאק.